

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# שאלות אויף פרשת ויחי

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** ויחי.

**ב. וואס איז טייטש ויחי ?** און ער האט געלעבט.

**ג. ווער האט געלעבט ?** יעקב אבינו.

**ד. וואו האט ער געלעבט ?** אין מצרים.

**ה. וויפיל יאר האט ער געלעבט אין מצרים ?** 17 יאר.

**ו. וואס האט יעקב געבעטן פון יוסף ?** ער זאל אים צוזאגן אז ער טראגט אים ארויף קיין ארץ ישראל ווען ער וועט נפטר ווערן.

**ז. מיט וועמען האט יעקב געלערנט תורה ?** מיט אפרים.

**ח. וואס האט אפרים דערציילט פאר זיין טאטע ?** אז יעקב אבינו איז קראנק.

**ט. מיט וועמען איז יוסף געגאנגען צו יעקב ?** מיט זיינע צוויי קינדער מנשה און אפרים.

**י. וועגן וואס האט ער זיי מיט גענומען ?** ווייל ער האט געוואלט אז זיין טאטע יעקב אבינו זאל זיי בענטשן.

**יא. וועמען האט יוסף געלייגט ביי די רעכטע זייט פון יעקב ?** מנשה דער גרויסער.




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

**מכינה ב'**

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

# המשך שאלות אויף פרשת ויחי

**יב. און ווען האט יוסף געלייגט ביי די לינקע זייט ?** אפרים דער קלענערער.

**יג. וואס האט יעקב געמאכט ?** ער האט אריבער געלייגט די הענט אז אויף אפרים זאל זיין די רעכטע האנט און אויף מנשה די לינקע האנט (**מיר האבן געוויזן מיט די הענט ווי אזוי**).

**יד. וואס האט יעקב אבינו זיי געבענטשט ?** המלאך הגואל אותי וכו'.

**טו. וואס רופט יעקב נאכדעם ?** אלע זיינע קינדער און ער האט זיי געבענטשט.

**טז. וואס איז געשעהן נאכדעם מיט יעקב אבינו ?** ער איז נפטר געווארן.

**יז. וואס האט מען איהם געמאכט ?** אַ גרויסע לויה.

**יח. און וואו האט מען איהם געטראגן ?** קיין ארץ ישראל.

**יט. ווער לאזט נישט לייגן יעקב אבינו אין מערת המכפלה ?** עשו.

**כ. ווער האט איהם אפגעהאקט די קאפ ?** חושים (בן דן).

**כא. וואס זאגט מען די וואך אין שוהל ווען מען ענדיגט צו ליינען אין די הייליגע תורה ?** חזק חזק ונתחזק.

**כב. פארוואס זאגט מען דאס ?** ווייל מען האט געענדיגט די חומש בראשית.



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

מכינה ב'

הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# די וואך האבן מיר פארציילט:

## ויחי יעקב

יעקב אבינו איז געוועזן אין לאנד מצרים זיבעצן יאר, אפרים די זוהן פון יוסף די משנה למלך האט יעדן טאג געלערנט מיט זיין זיידע יעקב אבינו די הייליגע תורה איינמאל האט די זיידע יעקב געהייסן פאר אפרים זאל רופן זיין טאטע יוסף, אפרים האט שנעל גערופן זיין טאטע צו זיין זיידע יעקב,יוסף קומט אן צו זיין טאטע און יעקב זאגט פאר זיין זוהן יוסף אז ווען ער וועט נפטר ווערן און זיין נשמה וועט ארויף גיין אין הימל זאל מען איהם נישט באערדיגן אין לאנד מצרים ווייל אין לאנד מצרים וועט זיין אסאך כינים, נאר מ'זאל איהם ארויף טראגן אין ארץ ישראל צו די מערת המכפלה וואס דארט ליגט זיין טאטע יצחק און זיין מאמע רבקה און זיין זיידע אברהם און זיין באבע שרה, יוסף זאגט צו פאר זיין טאטע יעקב אז ער וועט איהם נישט לייגן אין מצרים נאר ער וועט איהם ארויף טראגן קיין ארץ ישראל צו די מערת המכפלה

## ויהי אחרי הדברים האלה

יעקב אבינו איז געווארן קראנק, יוסף איז שנעל געקומען צו זיין טאטע יעקב אז ער זאל בענטשן זיינע צוויי קינדער מנשה מיט אפרים, יעקב האט געקישט מנשה מיט אפרים, יעקב האט ארויף געלייגט זיין רעכטע האנט אויף אפרים און זיין לינקע האנט אויף מנשה, און יוסף האט געטוישט, די רעכטע האנט פון זיין טאטע האט ער געלייגט אויף מנשה, ווייל ער איז גרעסער, און די לינקע האנט פון זיין טאטע האט ער געלייגט אויף אפרים ווייל ער איז קלענער, אבער יעקב האט צוריק געטוישט זיין האנט, די רעכטע האנט אויף אפרים, און די לינקע האנט אויף מנשה, ווייל יעקב האט געזאגט אז די קינדער פון אפרים וועלן זיין גרעסרע צדיקים פון די קינדער פון מנשה, נאכדעם האט זיי יעקב געבענטשט המלאך הגואל אותי מכל רע הוא יברך את הנערים... (וואס מ'לייגט יעדן טאג ביי קריאת שמע ביינאכט).

## ויקרא יעקב אל בניו

יעקב אבינו רופט זיינע אלע קינדער און ער בענטשט יעדן איינעם, נאכדעם האט זיך יעקב אריין געלייגט ליגן אין בעט און ער איז נפטר געווארן, זיין נשמה איז ארויף אין הימל, אלע קינדער פין יעקב האבן געוויינט, מ'האט געמאכט א גרויסע לויה פאר יעקב, אלע קינדער און אייניקלעך האבן באגלייט די בעט פון יעקב, אויך די מצריים האבן באגלייט יעקב, קודם האט פרעה נישט געלאזט אז מ'זאל ארויף טראגן יעקב קיין ארץ ישראל ער האט



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

## מכינה ב׳

**הר״ר יואל כץ הי״ו והר״ר יואל אברהם שווארץ הי״ו**

געוואלט אז מ׳זאל מאכן די קבר פון יעקב אין לאנד מצרים, יוסף האט געזאגט פאר פרעה אז ער האט צו געזאגט פאר זיין טאטע אז מ׳וועט איהם לייגן אין ארץ ישראל ווייל יעקב האט נישט געוואלט ליגן אין מצרים, פרעה האט שוין געלאזט אז מ׳זאל ארויף טראגן יעקב קיין ארץ ישראל יוסף האט אראפ גענומען זיין קרוין פון קאף און ער האט עס געלייגט אויף די בעט פון יעקב, עשו האט געהארט אז מ׳גייט לייגן יעקב אין מערת המכפלה לעבן זיין טאטע יצחק איז ער שנעל געקומען צו לויפן און ער לאזט נישט אז מ׳זאל לייגן זיין ברודער יעקב אין מערת המכפלה ער וויל אז ווען ער וועט שטארבן זאל מען איהם לייגן דארט, איז געקומען א זוהן פון דן, ער האט נישט געקענט הערן און רעדן, ער האט געהייסן חושים און האט אראפ געהאקט די קאפ פון עשו און עשו איז געשטארבן און מ׳האט געקענט באערדיגן יעקב אין מערת המכפלה לעבן זיינע עלטערן אזוי ווי יעקב האט געוואלט.

## חשיבות יד ימין

מיר האבן מסביר געווען פאר די קינדער אז יעדע מצוה וואס מ׳טוהט מיט די האנט טוהט מען מיט די רעכטע האנט אזוי ווי מ׳זעט ביי יעקב אבינו אז ער האט ארויף געלייגט זיין רעכטע האנט אויף אפרים ווייל די רעכטע האנט איז חשוב, ביי קריאת שמע לייגט מען ארויף די רעכטע האנט, די מזוזה קישט מען מיט רעכטע, ציצית נעמט מען מיט דע רעכטע האנט, קידוש, שבת ליכט, אין נאך, מאכט מיט די רעכטע האנט.

## חזק חזק

די וואך שבת צופרי נאכן ליינען וועט מען שרייען חזק חזק ונתחזק ווייל מ׳ענדיגט חומש בראשית און מ׳הייבט אן חומש שמות מיר האבן איבער גע׳חזר׳ט מיט די קינדער אלע סדרות פון חומש בראשית מיט די אלע ניגונים (די קינדער האבן סעפיצעל זייער הנאה געהאט פון די חזרה).

## עשרה בטבת

דאנערשטאג איז געווען עשרה בטבת, אלע טאטעס פאסטן ווייל דעמאלטס איז געקומען נבוכדנאצר הרשע דער קעניג פון בבל און ער האט ארום גענומען די שטאט ירושלים און ער האט נישט געלאזט אריין טראגן אין ירושלים צו עסן ברויט און טרונקען וואסער און אסאך אידן זענען געשטארבן - מ׳טאר נישט שטערן פאר די טאטעס צו פאסטן, נישט שטערן צו שלאפן.

בברכת א גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער

המלמדים



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'**
הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

# חזרה אויף די פרשיות פון חומש בראשית

**- די קינדער האבן ספעציעל הנאה געהאט פון די חזרה -**

## פרשת בראשית

**א. פארוואס האלט מען שבת ?**

ווייל דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג, די זיבעטע טאג האט דער אייבישטער גערוהט, פאר דעם האלטן מיר שבת.

***ניגון:***

זונטיג מאנטיג דינסטיג מיטוואך דאנערשטיג פרייטיג שבת קודש... שבת קודש שבת שבת קודש... **(בניגון תשועתם היית לנצח)**

## פרשת נח

**ב) ווער האט געגעבן פאר נח א שטויס אין די קאסטן ?**

די לייב, ווייל נח האט פארגעסן צו געבן צו עסן פאר די לייב (דערמאנט די דריי שטאק, די שלעכטע מענטשן מאכן נישט תשובה).

***ניגון:***

נח איז געווען א גרויסער צדיק, נח האט געהאט דריי קינדער, שם חם און יפת, נח האט געבויט א קאסטן, ווייל ס'גייט זיין א מבול, נח האט ארויס געשיקט די טויבעלע, די טויבעלע איז צוריק געקומען מיט א בלעטעלע, נח איז ארויס פון די קאסטן און ער האט געברענגט קרבנות פאר די אייבישטער. **(בניגון כי לה' המלוכה)**

## פרשת לך לך

**ג) אוואו האט אברהם באהאלטן שרה ?**

אין א קאסטן אז די מצריים זאלן איהר נישט אוועק נעמען.

***ניגון:***

אוי אוי אברם, אוי אוי אברם, צובראכט זיין טאטעס געטשקעס (ב' פעמים). אוי אוי נמרוד, אוי אוי נמרוד, ווארפט איהם אריין אין פייער (ב' פעמים). אוי אוי דער אייבישטער, שיקט אראפ א מלאך און ער מאכט קאלט די פייער (ב' פעמים). אברם ווערט נישט פארברענט, אלע קענען זעהן אברם ווערט נישט פארברענט (ב' פעמים). **(בניגון אוי אוי אוי שבת... אוי אוי אוי שבת...)**

## פרשת וירא

**ד) וויפיל טיהרן איז געווען ביי די געצעהלט פון אברהם ?** פיר (דערמאנט די מצוה פון הכנסת אורחים, מיט די דריי מלאכים).

***ניגון:***

קול רינה וישועה באהלי צדיקים, אברהם אבינו א מזל טוב, די מאמע שרה א מזל טוב, יצחק די באבעלע א מזל טוב, און א מזל טוב. **(בניגון קול רינה)**

## פרשת חיי שרה

**ה) וואס פאר אַ כלה זוכט אברהם פאר יצחק ?**

אַ כלה וואס טוט חסד מיט אַ צווייטן (דערמאנט די מעשה פון אליעזר ביי די ברין אין חרן).

***ניגון:***

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה, אליעזר זוכט א כלה פאר יצחק, ער טרעפט א מיידל וואס מאכט חסד, יצחק איז געווארן א חתן רבקה איז געווארן א כלה. ס'קומט צוריק די וואלקן, ס'לעשט זיך נישט אויס די ליכט, ס'ווערט צוריק א ברכה אין די טייג די חלה. **(בניגון עוד ישמע)**



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## מכינה ב'

**הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו**

## פרשת תולדות

**ו) וואס איז געווען יעקב און וואס איז געווען עשו?** יעקב איז געווען אַ צדיק און עשו איז געווען אַ שייגאץ (דערמאנט די מעשה ווי עשו האט פארקויפט די בכורה), עשו קישט נישט די מזוזה.

***ניגון:***

יצחק מיט רבקה דאווענען פאר די אייבישטער אז זיי ווילן קינדער, א צווילינג איז געבוירן נישט איינער נאר צוויי, יעקב מיט עשו זענען זיי, עשו איז געגאנגען אן א קאפל און אן א ציצית און אן פיאות, ער קישט נישט די מזוזה ער מאכט נישט קיין ברכה אין וואלד א גאנצן טאג שיסט ער חיות, יעקב איז געווען א גרויסער צדיק א גאנצן טאג זיצט ער אין שוהל, ער לערנט און דאוונט און דינט דעם באשעפער אזוי ווי דער אייבישטער האט ליב **(בניגון צוה ישועות יעקב)**

## פרשת ויצא

**ז) פארוואס איז יעקב ארויס פון זיין טאטע'ס שטוב?** ווייל עשו האט איהם געוואלט הרג'ענען. (דערמאנט די חלום מיט די לייטער, אויך אז יעקב לייגט קריאת שמע).

***ניגון:***

יעקב גייט צו חרן, פלוצלינג איז אים געווען נאכט, ער לייגט זיך שלאפן אויף די ערד, און ארום זיין קאפ שטיינער לייגט ער, א לייטער אין חלום זעהט ער, מלאכים גייען ארויף און אראפ, דער אייבישטער זאגט פאר אים צו, איך וועל דיר אכטונג געבן **(בניגון כי אנו עמך - נאר די ערשטע פאל)**

## פרשת וישלח

**ח) וועלכע נאמען האט דער מלאך געגעבן פאר יעקב אבינו ?** ישראל (דערמאנט די מעשה ווי יעקב טרעפט זיך מיטן מלאך).

***ניגון:***

יעקב יעקב האב נישט קיין מורא ווייל דו האסט געלערנט די הייליגע תורה, יעקב יעקב האב נישט קיין מורא ווייל דו האסט געדינט דעם הייליגן בורא. **(בניגון טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף)**

## פרשת וישב

**ט) אוואו האט מען אריין געווארפן יוסף ?** אין א גרוב.

***ניגון:***

אוי יוסף אוי יוסף'ל כ'האב דיך אזוי ליב, קום בלייבן אין שטוב, אוי יוסף אוי יוסף'ל כ'האב דיך אזוי ליב, קום שנעל לערנען מיט מיר
אוי יוסף אוי יוסף'ל כ'האב דיך אזוי ליב, איך וועל דיך ארויסנעמען פון די גרוב, אוי יוסף אוי יוסף'ל כאפ דיך אן ביים שטריק, איך וועל דיך ארויסנעמען צום טאטן צוריק

## פרשת מקץ

**י) וואס איז יוסף געווארן ?** אַ משנה למלך פון מצרים.

## פרשת ויגש

**יא) ווער האט דערציילט פאר יעקב אז יוסף לעבט נאך ? און ווי אזוי ?** סרח בת אשר האט געזונגען מיט אַ פידל.

***ניגון:***

סרח בת אשר זינגט מיט א פידל, פאר די זיידע יעקב גאר א שיינע לידל, יוסף לעבט ער איז א קעניג אין מצרים, ער האט צוויי קינדער מנשה מיט אפרים. **(בניגון לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו)**

## פרשת ויחי

**וואס האט יעקב אבינו געבענטשט מנשה מיט אפרים ?** המלאך הגואל אותי וכו'.

***ניגון:***

בראשית, נח, לך לך, וירא, חיי שרה, תולדות, ויצא, וישלח, וישב, מקץ, ויגש, ויחי, חזק חזק ונתחזק (בנוסח למנצח).

# חזק חזק ונתחזק